## פאָליטיק פון וואַד

אין ארץ ישראל גיסט זיך ווייטער בלוט. די אַראַבער ווילען נישט אפזיצען, מאַרדען און טעראָרירען דעם יודישען ישוב.

ווער איז דאָ שולדיג?

מען וועט דאָך אונז נישט איינרעדען, אז די אַראַבער מאַכען זייערע טעראָריסטישע שטיק פון זייער אייגענעם ווילען.

ווילען, ווילען זיי, נאָר עס וועגדעט זיך נאָר, וואָס זיי ווילען.

זיי ווילען אייגענטליך געלד. די אַראַבער זעגען גרויסע בעלנים אויף געלד, זיי זעען שטענדיג אויף דער זייט פון דעם, וועלכער גיט געלד, אָדער ווער עס גיט מעהר.

עס איז דאָך באַקאַנט, אז פון די יודען האָבען די אַראַבער א סך, מען ווייסט, אז די אַראַבער זענען רייך געוואָרען פון יודישען ישוב. איז דאָך א קשיה, אויב זיי מאַכען מיט יודען אזעלכע גוטע געשעפטען, טאָ פאַרוואָס בריקעווען זיי זיך?

איז דער תירוץ: מן הזתם גיט דער דייטשער צד מעהר.

די אַראַבער זענען גוטע סוחרים, אלץ וואָס עס קומט איצט פאָר אין ארץ ישראל האָט נישט צו טון מיט פּאָליטיק. עס איז געשעפט. די אַראַבער מאַכען איצט געשעפט און יודען שפּילען זיך אין פּאָליטיק.

אין ארץ ישראל קומט איצט פאָר א קאַמף צווישען געשעפט און פּאָליטיק.

## נייע קאַרטען אין דייטשלאַנד.

ווי דער „קונדס" דערוואוסט זיך, ווערט איצט פּראָיעקטירט אין דייטשלאַנד, ארויסצולאָזען נייע שפּיל-קאַרטען, אנשטאָט די טיוז, מלכות און אויבער'ס, זאָלען זיין די בילדער פון די נאַצי-העלדען.

פון דעם פּלאַן איז אָבער גאָרנישט געוואָרען, ווייל א חוץ „נישטלעך" האָט מען מעהר אין נאַנצען לאַנד גאָרנישט געפינען.

## א מתנה פראַנקאָ'ן.

די נאַציס אין דייטשלאַנד האָבען באַשלאָסען צו שיקען דעם גענעראַל פראַנקאָ אַן עהרען-שווערט.

ס'וואָלט פיל גלייכער געווען, ווען זיי שענקען איהם אן עהרען-שטריקעל...

## ווער אויף וואָס קרענקט

**היטלער** האָט בויך-ווייטאָג צוליב יודען (ליידען: אידען).

**סטאַלין** — האָט קאָפּ-ווייטאָג, טראַכטענדיג וועגען טראָצקין.

**עקס קייזער ווילהעלם** — גייט איבער די נאָל צוקוקענדיג ווער ס'איז זיין יורש.

**עדוואַרד אין ווינען** — האָט הארץ-קלאַפּעניש לייענענדיג אין דער פּרעסע וועגען דער קרוינונג פון זיין ברודער.

**די ענדעקישע גדולים** ליידען אלע אויף געלדזוכט.

## דער נעגוס און די פעלקער-ליגע.

א זשורנאַליסט האָט געפרעגט דעם נעגוס:

— וואָס דאַרף מען דער פעלקער-ליגע פּאָרוואַרפען?

— גאָרנישט, אויב יאָ עפּעס פאָרוואַרפען, איז עס מיטצושיקען א שטריקעל אויפן האַלז.

## אַמאָל און היינט

אַמאָל האָט וויטאָס געזאָגט:

— מאָרגען וועט זיין ערגער.

היינט זאָגט מען:

— מאָרגען וועט זיין בעסער.

## נראף קאַלי.

# ר' חודש „ניסן"...

— 1. —

יאַ, דער בייזער קאַלטער ווינטער
גיט אונז אָפּ די לעצטע גריסען...
לאַנג פערשוואונדען איז דער פורים,
און מען בענטשט ר' חודש „ניסן".

ס'גיסען הימלען, נעזער ניסען,
טיפער ווערען אַלץ די בלאָטעס,
לויפען אום פאַרזאָרגט די יודען,
מיט פערשלומפּערטע קאַפּאָטעס.

געוואַלד, עס רוקט זיך אָן דער פּסח,
כ'האַלט ביי ווערען סדר-מלך
און עס איז מיר געבּעך ווי
אויפען הארצען גאַרנישט פריילעך...

כ'לעבען בעסער שוין צו ווערען
נייער קעניג אין בריטאַניע
אידער ווערען סדר-מלך
בעת עס פעהלט אויף לחמא עניא...

— 2. —

האָבען מיר א גאַסט א וואַוילען
האָבען מיר א גאַסט א נייעם
דער העברעאישער, דער רעקטאָר
פון דער שטאָט ירושלים.

זאָגט מיר, ליבער מיסטער בערגמאַן,
צי מען טוט אייך דאַרטען גלעטען
קעפּ פון יודישע סטודענטען
מיט די שטעקענס און קאַסטעטען?...

פון דעם גאַנצען סדר-לימוד
ווי זעהט אויס דער פועל-יוצא?
צי אייך פּויק „אַנאַטאָמיע"
לערנט מען אויף יודענס פּלייצעס?

וואַרגט נישט באַלוטער קבצנים,
שבת האָבען מיר מברכים,
מ'פאַרגינט שוין פאַר אייך באַצייטענס
„גותן לחם", „תומכי אורחים"...

איין חסרון, וואָס די געבּערים
פאַר אַהאַרינג גבירים
קומען היינט אליין אין קהלה
זיך אויף „קמחא" רעגיסטרירען.

יאַ, די הונדערט טויזענט זלאָטעס
איז שוין איינמאָל א מציאה...
זיכער וועט דאָס פאַר אייך קלעקען
סיי אויף „כרפס", סיי אויף „זרוע"...

# פראַנקאַ אין לאָדז...

### ווי אזוי מ'האָט דעם גאַסט מקבל פנים געווען.

אין שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג אַז פראַנקאַ איז געקומען קיין לאָדז. [illegible]

— פראַנקאַ לאָדזש!... [illegible]

# די שפּאַנישע בלאַקאַדע

### קאָמעדיע אין 3 אַקטען

1. אַקט

**די פאַרשטעהער פון די מלוכות — אין א קאָזאַרמע אין איטאַליען —** [illegible]

2-טער אַקט.

**אין א געוועהר-פאַבריק אין דייטשלאַנד** [illegible]

3-טער אַקט

**פראַנקאַ:** [illegible]

# אין „גן-עדן" פון דריטען רייך...

### איממפּראָוויזירט פון בערלין

[illegible]



# דער טויטער מאַכט זיך אליין א הספד

## א סצענקע אויפן בית-החיים

### בילד נומער איינס

[illegible]

### בילד נומער צוויי

[illegible]

### דער קינעמאַטאָגראַפישער טויטער

[illegible]

## סאַנקציעס געגען א ווירט

[illegible]

# פיניעלע מזיק

### גיט לישון



[illegible]

